**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/7/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**לויט די נומערן: אויף די טאג פון די ווייסע הויז'ס טעריף דעדליין, טוט גאווערנאר האקול אונטערשטרייכן די שעדליכע השפעה פון טראמפ'ס האנדל קריג אויף ניו יארקער'ס טייסטערס**

***אויף דעם טאג פון די אגוסט 7 טעריף דעדליין, שטייט טראמפ איבער פרייז העכערונגען אויף טאג-טעגליכע וויכטיגע געברויכן***

***קאנסומער און ביזנעסער וועלן אויסגעבן נאך 33 ביליאן דאלאר צו דעקן קאסטן***

***קאמפיוטערס און עלעקטראנישע דעווייסעס זענען ארויף מער ווי 18%; קליידונג און אקסעסעריס מיט מער ווי 37%***

גאווערנאר Hochul (האקול) האט היינט ארויסגעשטעלט נייע דאטא איבער די ערווארטעטע השפעה פון פרעזידענט Trump'ס (טראמפ) האנדל קריג אויף די טייסטער'ס פון ניו יארקער. אויף די אגוסט 7 טעריף דעדליין, טוט Trump (טראמפ) שטיין איבער היסטארישע פרייז העכערונגען אויף טאג-טעגליכע וויכטיגע געברויכן, צווינגנדיג פאמיליעס אויסצוגעבן א געשאצטע 4,200 דאלאר אין צוגעלייגטע פעדעראלע שטייערן — אלס אין די שאטן פון א נאציאנאלע עפארדעביליטי קריזיס.

"אין די צייט וואס Trump (טראמפ) פייערט זיין אגוסט 7 דעדליין, טוען טאג-טעגליכע ניו יארקער וויסן אז די היינטיגע טאג איז נישט קיין סיבה זיך צו פרייען. די אפעקט פון די ווילדע און קאסטבארע האנדל קריג פאלט אויף קאנסומער, און טוט אויסקוועטשן פאמיליעס' טייסטערס פון די פרוכט און גרינצייג אפטיילונג ביז די נייעם שולע יאר אייל." **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אין ניו יארק, זענען די לעבנס קאסטן אסאך צו הויך, און איך טוה די מערסטע וואס איך קען צוריקצושטעלן געלט אין אייערע טאשן. אנשטאטס ארבעטן מיט אונז, טוען Trump'ס (טראמפ) טעריפס בלויז אנברענגען מער פינאנציאעלע כאאס און אומזיכערקייט."

דאס איז וואס ניו יארקער שטייען צו פארלירן:

- ניו יארק סטעיט האט אימפארטירט 160 ביליאן דאלאר פון סחורה אין 2024. יעצט, זענען קאנסומער אויסגעשטעלט צו **א נייע גילטיגע טעריף ראטע פון בערך 21 פראצענט** אויף רוב פון די אימפארטירטע סחורה, לויט די רעכענונגען פון די DOB.

- קאנסומער און ביזנעסער וועלן מוזן צאל כמעט **33 ביליאן דאלאר אין צוגעלייגטע אימפארט שטייערן** צו ווייטער קענען קויפן די זעלבע סכום אויסלענדישע סחורה מיט די טעריף ראטעס געמאלדן זייט יולי 30. דאס איז **כמעט 4,200 דאלאר אין צוגעלייגטע פעדעראלע שטייערן פאר א הויזגעזונד** אין ניו יארק.

- ניו יארק האט אימפארטירט 12.5 ביליאן דאלאר ווערד פון קאמפיוטער און עלעקטראנישע פראדוקטן פאריגע יאר. א שטודיע דורך Yale יוניווערסיטי שאצט פאר אז פרייזן פאר די **פראדוקטן וועלן ארויפגיין מיט מער ווי 18 פראצענט** צוליב די טעריפס.

- ניו יארק האט אימפארטירט 10.8 ביליאן דאלאר ווערד פון קליידונג און אקסעסעריס פאריגע יאר. די זעלבע שטודיע שאצט אז **פרייזן וועלן ארויפגיין מיט מער ווי 37 פראצענט אויף טאג-טעגליכע פראדוקטן** ווי שיך און קליידונג, וועלכע ווערן בעיקר פראדערצירט אינדרויסן פון די פאראייניגטע שטאטן.

**סענאט מאיריטעט פירער Andrea Stewart-Cousins (ענדירע סטואווארט-קאזינס) האט געזאגט,** "זייט מיר האבן באקומען די מאיאריטעט, איז אונזער פארפליכטונג צו די מענטשהייט געווען אומבויגזאם. מיר האבן ערפאלגרייכערהייט געקעמפט פאר די נידריגסטע מיטל-קלאס שטייער ראטע אין איבער 70 יאר, געקעמפט פאר אונזערע קליינע ביזנעסער, געהעכערט די מינימום געהאלט, פולקאם פינאנצירט אונזערע שולעס, און געמאכט גרויסע שריט צו נידערן די קאסטן פון העכערער עדיוקעישן און טשיילד-קעיר. פונדעסוועגן, איז די שטאפל פון אכזריות וואס ווערט ארויפגעשטעלט דורך די פעדעראלע רעגירונג באמת באזארגנד. אין די צייט וואס מיר האבן געארבעט איבערמידליך צו מאכן ניו יארק מער עפארדעבל, איז אונזער פארשריט אונטערגעהאקט געווארן דורך די אומפאראנטווארטליכע טעריפס איינגעפירט דורך די Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע. עס איז צייט פאר ניו יארקער רעפאבליקאנער ארויסצוקומען און באמת פארטיידיגן אונזער סטעיט. אנשטאטס דעם, האלטן זיי זיך ווייטער מיט Trump'ס (טראמפ) געפערליכע עקאנאמישע אגענדע, לאזנדיג פאר שווער-ארבעטנדע פאמיליעס אין ניו יארק צו טראגן דעם עול אין די צייט וואס וויכטיגע סערוויסעס ווערן אוועקגעריסן."

**סטעיט סענאטאר Rachel May (רעיטשעל מעי), האט געזאגט,** "פרעזידענט Trump'ס (טראמפ) טעריפס טוען הייבן קאסטן און צווינגען ניו יארקער אויסצוקוועטשן נאך מער פון יעדער דאלאר. ניו יארק'ס קליינע ביזנעס אייגנטומער ווערן אויך שטארק באטראפן מיט גרויסע פרייז העכערונגען פאר אינווענטארי. איך בין גרייט צו ארבעטן מיט מיינע קאלעגן אין די סטעיט מיאריטעט און מיט גאווערנאר Hochul (האקול) צו טון וואס מיר קענען אויף א סטעיט שטאפל צו פארגרינגערן די עקאנאמישע שוועריקייטן פאר ניו יארקער איינוואוינער געשאפן דורך די טעריפס."

**סטעיט סענאטאר Sean M. Ryan (שאן מ. רייען) האט געזאגט,** "עקאנאמיסטן און קלאר-קעפיגע ערוועלטע באאמטע ווארענען שוין פאר חדשים אז אמעריקאנער קאנסומער וועלן זיין די וואס וועלן ליידן פון די אפעקטן פוןDonald Trump'ס (דאנאלד טראמפ) האנדל קריגערייען. מיר האבן דעם יאר אדורכגעפירט א סטעיט בודשעט וואס רעדורצירט די לעבנס קאסטן פאר די דורכשניטליכע ניו יארקער, אבער Trump'ס (טראמפ) טעריפס טוען העכערן קאסטן דא אין ניו יארק און איבער'ן לאנד. עס איז צייט פאר די פעדעראלע רעגירונג צו שטעלן די אמעריקאנער מענטשן ערשט דורך צוריקציען פון די קורץ-זיכטיגע און כאאטישע אויסלענדישע האנדל פאליסי, און אנשטאטס דעם ארבעטן צו צושטעלן פינאנציעלע סטאביליטעט און עפארדעביליטי פאר אלע אמעריקאנער."

**אסעמבלי מיטגליד Andrew Hevesi (ענדרוא העוועסי) האט געזאגט,** "מיט יעדער פאליסי אנטוויקלונג, טוט די פרעזידענט מאכן דאס לעבן נאך אסאך שווערער פאר געוויי די מענטשן און פאמיליעס פאר וועמען ער האט צוגעזאגט צו קעמפן. ארויפווארפן טעריף קאסטן אויף ניו יארקער ביי א ראטע פון 4,200 דאלאר פאר א הויזגעזונד איז נישט עקאנאמישע אנטוויקלונג, און עס ווייזט וואו די פריאריטעטן פונעם פרעזידענט ליגט. נישט קיין ספק, ניו יארקער וועלן זעהן וואס דאס איז באמת."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן